בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל




## קרבנות, א דרך צו טרעפן חן ביים אויבערשטן

### פארשטייין וואס דאס מיינט מסירת נפש

**בשעת** מיר לערנען דורך ספר ויקרא, איבערהויפט די וואכעדיגע סדרה, טרעפן מיר זיך כסדר אן אין די נושא פון טרעפן חן אינעם אויבערשטנ'ס אויגן. אויב איר וועט איינעם פרעגן ווי אזוי מען קען טרעפן חן אין אויגן פון אויבערשטן וועט ער מן הסתם האבן אסאך גוטע איינפאלן; אפשר זאלט איר אויסזאגן גאנץ תהילים עטליכע מאל, אדער פאסטן מאנטאג און דאנערשטאג. אבער די פרשה רעדט נישט פון זאכן וואס אונזער שכל שטעלט אונז פאר. די תורה לערנט אונז אז געפינען חן ביים אויבערשטן קען מען - דורך מקריב זיין קרבנות. און דער פסוק פון קרבנות פירט אויס, **'יקריב אותו לרצונו'**, (ויקרא א.ג.) ער זאל ברענגען דעם קרבן פאר זיין ווילן פארן אויבערשטן, **'לרצונכם תזבחוהו'**, פאר אייערט וועגן זאלט איר אים שחט'ן.

מ'דארף גוט אריינקלערן אין די ווערטער, ווייל ס'איז זייער א גרויסע זאך צו טרעפן חן אין די אויגן פון אויבערשטן; ס'איז די גרעסטע דערגרייכונג אין לעבן! דער **חובת הלבבות** ברענגט אין שער עבודת אלוקים (פרק ג) **'צריך שיתברר'**, ס'מוז ווערן קלאר פאר'ן מענטש, **'שהתמורה עודפת עליו'**, אז די יגיעה וואס ער לייגט אריין אויף דער וועלט זיך צו מאכן בעסער וועט באצאלט ווערן מיט א גרויסע שכר. ער וועט צוריקבאקומען פול מער וואס ער האט אריינגעלייגט.

פון וועלכע גרויסע זאכן רעדט דער חובת הלבבות אז מען וועט באקומען? דער חובת הלבבות שרייבט ווייטער: **'והוא רצות הא-ל אותו'**, דער אויבערשטער וועט אייך ליב האבן; ער וועט טראכטן גוט אויף אייך. עס שטייט אין פסוק: **'אהבתי אתכם נאום השם'**, דער אויבערשטער זאגט: "איך האב ענק ליב." אבער דא לערנען מיר אז ס'איז דא א מעגליכקייט צו טרעפן ספעציעלע חן ביים אויבערשטן וואס שטייגט איבער די אומגעהויערע ליבשאפט וואס דער אויבערשטער האט צום עם ישראל. מיר רעדן נישט פון שכר אדער גן עדן, נאר אז דער אויבערשטער וועט אים ליב האבן, און ס'איז נישטא קיין וויכטיגערע זאך פון דעם. דאס איז דער גרעסטער דערגרייכונג צו וואס א מענטש קען צוקומען.

## ס׳פעלט נישט אויס קיין שכר

**דער רבינו תם** ברענגט אין זיין ספר הישר: ׳**הנני מפרש לך כי אין תועלת גדולה כאהבת הבורא לאדם**׳, איך וויל אייך קלאר מאכן אז ס׳איז נישטא קיין גרעסערע גדולה פאר א מענטש ווי אז דער אויבערשטער זאל אים ליב האבן. שטעלט זיך די שאלה, איז טאקע נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי דעם? אין דעם אויבערשטנ׳ס ליבשאפט איז אויך אריינגערעכנט די שכר פאר קיום תורה ומצוות, אבער נישט די שכר איז דער גרעסטער סוקסעס וואס א איד קען דערגרייכן. דערפאר זאגט דער רבינו תם ׳**אין לך לחקור איך יהיה הגמול הטוב**׳, מיר דארפן נישט נאכפארשטן וואס און ווי אזוי דער שכר וועט זיין, ווייל דער קלוגער מענטש פארשטייט אז וואס איז אמת׳דיג וויכטיג פאר אים איז, אז דער אויבערשטער זאל אים ליב האבן.

די עבודות הקרבנות קען אייך צוברענגען צו די מדריגה אז איר זאלט טרעפן חן אין די אויגן פון אויבערשטן. דערפאר אויב איר האט א תשוקה אז הקדוש ברוך הוא זאל אראפקוקן צו אייך און אויסרופן: ״מיין קינד איך בין גליקליך מיט דיר; דו האסט געטראפן חן אין מיינע אויגן״, דאן איז דער היינטיגער שיעור פון קרבנות שטארק נוגע פאר אייך!

## דער חי׳ איז אייער שליח

**אויב** מיר וועלן גוט חזר׳ן פרשת ויקרא וואס באקענט אונז מיט די קרבנות, וועלן מיר באקומען נייע מוחות; א נייע שטעלונג וואס וועט אונז געבן צו פארשטיין פארוואס די קרבנות איז א דרך צו טרעפן חן ביים אויבערשטן.

איינס פון די ערשטע זאכן וואס דער מענטש דארף טון ביים ברענגען דעם קרבן איז סמיכה, ווי עס שטייט אין פסוק ׳**וסמך את ידו על ראש העולה**׳, און ער זאל אנלאנען זיינע הענט אויפ׳ן קאפ פונעם עולה. ווען דער מענטש דערגרייכט דעם מזבח מיט זיין קרבן דארף ער זיך אינגאנצן אנלאנען אויפ׳ן קרבן. פארוואס איז דאס אזוי? ווייל ווען ער לייגט זיינע הענט אויפ׳ן בעל חי׳ איז דאס א צייכן אז ער האט אים אויפגענומען אלס זיין שליח אנשטאט דעם מענטש. אזוי ווי ווען משה רבינו האט ארויפגעלייגט זיינע הענט אויפ׳ן קאפ פון יהושע ווען ער האט אים אויפגענומען אלס פירער, שטייט אין פסוק, ׳**ויסמך את ידיו עליו**׳ (במדבר כג.כז.) און פון דאן אן האט יהושע איבערגענומען צו פירן אידישע קינדער אלס שליח פון משה רבינו. דאס זעלבע בחינה איז ווען דער מענטש לייגט ארויף זיינע הענט אויפ׳ן קאפ פונעם בעל חי׳ וואס ווערט דאן א שליח אלס קרבן אנשטאט דער מענטש.

דערפאר איז דער הלכה אז עס דארף זיין סמיכה בכל כחו, מען דארף נוצן דעם גאנצן כח ווען מ׳לייגט די הענט אויפ׳ן קאפ פון בעל חי׳. (חגיגה טז.ב.) דאס וועקט אויף דעם מענטש צום באוואוסטזיין אז דער בעל חי׳ איז נישט נאר א שעפעלע וואס ווערט גע׳שחט׳ן און פארברענט, נאר דאס איז פאקטיש **דו** וואס איז דער קרבן.

## דער סוד פון א קרבן

**וואס** טוט מען ביים מקריב זיין א קרבן? מען ברענגט א קליין לעמעלע צום מזבח, א לעבעדיגע באשעפעניש וואס זיין הארץ פאמפט ארויס בלוט איבער זיין קערפער. ער וויל נאך לעבן, אבער מען שניידט אראפ זיין קאפ ווען זיין בלוט שפריצט ארויס, און דאן לייגט מען זיין בלוט אויפ'ן מזבח. בשעת מעשה טראכט דער מענטש אז אין אמת'ן וואלט מען געדארפט שפריצן זיין אייגענע בלוט אויפ'ן מזבח. ער איז שולדיג פאר'ן אויבערשטן פאר'ן שענקען זיין לעבן.

מיר האבן זייער ליב צו לעבן! א מענטש ליגט אין בעט קראנק וויסנדיג אז זיינע טעג זענען געציילטע, קוקט ער אראפ פון שפיטאל פענסטער, און איז מקנא די מענטשן וואס דרייען זיך ארום אינעם גרויסן וועלט פראנק און פריי. ער וויל אויך לעבן, אבער ער ווייסט אז פאר אים וועט דאס באלד זיין נאך אלעס. און ווען איז ער מקנא? אייך אלע וואס גייען אן מיט'ן טאג טעגליכן לעבן אן קיין דאגות. און כדאי אויסצודריקן אונזער הכרת הטוב פאר'ן אונז לאזן לעבן, וועלן מיר ברענגען א קרבן און זיך אנלאנען אויף דעם צו ווייזן אז דער לעמעלע נעמט איבער אונזער פלאץ.

## לויפט נישט אוועק

**דערפאר** פארלאנגט די תורה, **'תיכף לסמיכה שחיטה'** (ברכות מב.א) די שחיטה זאל פארקומען תיכף נאכ'ן סמיכה נאך איידער דער מענטש האט צייט צו נעלם ווערן. אפילו אויב ער שעכט אליינס די בהמה, **'שחיטה כשירה בזר'** (ברכות לא.ב.), נישט קיין חילוק ווער ס'האט גע'שחט'ן די בהמה, האט דער בעל הבית פון די בהמה אייביג געווען אנוועזנד ביים שחט'ן כדי אז ער זאל מיטהאלטן ווי אזוי ער איז א קרבן. ער זעט ווי מען שניידט אריין אין האלז און די בלוט גיסט. ער ווערט איבערגענומען פון די סצענע ווען ער טראכט: "דאס בין איך אליין!"

און דאס איז נאכנישט אלעס וואס ער האט געזען. ווען מען האט געברענגט א קרבן עולה איז אויך געווען א מצוה פון 'הפשטה', אראפצונעמען די הויט פון בהמה. פארוואס פעלט דאס אויס, מען גייט דאך ממילא נאכדעם פארברענען די גאנצע בהמה אויפ'ן מזבח? נאר דער אויבערשטער וויל אויפדעקן דעם קערפער. עס זאל זיך נישט דאכטן אז מען פארברענט א לעמעלע נאר א קערפער. עס זאל אויסזען ווי מען איז מקריב א מענטשליכן קערפער.

## דער סוד פון ניתוח

**נאכ'ן** הפשט אין די עבודת הקרבנות איז געווען די מצוה פון ניתוח, ווי עס שטייט אין פסוק **'ונתח אותו לנתחיה'**, און איר זאלט עס צושניידן אין שטיקלעך. דער בעל חי' איז געברענגט געווארן צום מזבח גאנץ, און מען האט דאס צוטיילט אין שטיקלעך לויט די אברים. דערנאך איז יעדע אבר באזונדער געלייגט געווארן אויפ'ן מזבח.

פון דא לערנען מיר אז הכרת הטוב פארן אויבערשטן קען מען נישט דערגרייכן ווען מען דאנקט פאר'ן קערפער אויף איינמאל. "יישר כח אויבערשטער פאר'ן מיר געבן

לעבן". וואס איז לעבן? איר קענט לעבן ווי א געוואוקס, אדער א שוועמל וואס איז אויך א לעבעדיגע זאך... זאגן אז איר זענט דאנקבאר פאר "אלעס" הייסט נישט עכט געזאגט! מען דארף פארשטיין אז יעדע אבר באזונדער און יעדע פרט פונעם קערפער איז אן עקסטערע מתנה פון אויבערשטן, און עס באלאנגט נישט צו אונז, יעדע רגע קען ער עס צונעמען.

## די כהנים ארום דעם קרבן

**און** די גאנצע סדר העבודה איז צוגעגאנגען מיט גרויס פאמפע. די כהנים האבן זיך אויסגע'שורה'ט ווי אין א מארטש: **'כולן עומדין בשורה והאברים בידם'**, אלע כהנים זענען געשטאנען אויסגעשטעלט אין א רייע מיט די אברים אין די הענט. איין כהן האט געהאלטן די קאפ, און דער צווייטער אונטער אים האט געהאלטן די צוויי פוס אא"וו. ס'איז געווען א סצענע אריינצונעמען אין הארץ. דער באטרעפענדער האט צוגעלייגט זיין גאנצע מחשבה.

ווען דער כהן איז שטאטערהייט ארויף אויפ'ן ראמפע פונעם מזבח, האט דער בעל הבית פונעם קרבן צוגעקוקט ווי מען נעמט יעדן אבר און מען פארברענט עס. מען דארף פארשטיין אז איינמאל מען האט אראפגענומען די הויט זעט עס שוין נישט אויס ווי א פשוט'ע לעמעלע. די פוס און די הענט זעען אויס ווי די אייגענע! אזוי אויך די קאפ און די הארץ...

א מענטש וואס קוקט זיך צו צו דעם אלעם ווערט אנגעפילט מיט שמחה. ער זעט ממש ווי זיין קערפער גייט ארויף אלס קרבן צום אויבערשטן. אן עולה איז א קרבן פון הודאה. דער מענטש איז פול מיט הודאה צום אויבערשטן. און דורך דעם קרבן איז ער צוגעקומען צו טרעפן חן אין די אויגן פון אויבערשטן. אויב א מענטש וויל דערגרייכן צו דעם מדריגה זאל ער דאנקען פאר יעדע אבר באזונדער און פאר יעדע מתנה וואס ער האט באקומען פונעם אויבערשטן.

## דער קערפער - א שאפע פול מיט מתנות

**ביים** מקריב זיין דעם קאפ פונעם עולה האט דער מענטש געטראכט: "איך וואלט געדארפט צוריקגעבן מיין קאפ צום אויבערשטן אלס דאנקבארקייט. איך האב עס שוין גענוצט צום גוטן פופציג יאר, יעצט איז געקומען די צייט ארויסצואווייזן הכרת הטוב... די קאפ איז א מתנה וואס זיצט אויף אייער אקסל. ווען די קאפ פון די בהמה ווערט געשטעלט אויפ'ן פייער פון מזבח איז שוין דער מענטש א געטווישטער פאר זיין לעבן. ער ווייסט שוין צו שעצן די מתנה פון זיין קאפ.

ווען מען ברענגט ארויף די הארץ אויפ'ן מזבח איז ער שוין איבערגענומען מיט התרגשות. אן די הארץ קען ער נישט לעבן זיין איין מינוט. די הארץ פאמפט בלוט יעדע מינוט פון טאג אן קיין אפשטעל. ס'זענען דא ליידער מענטשן וואס דארפן דורכגיין אן אפעראציע אויף זייער הארץ און זיי שטופן עס אפ מיט מעדעצינען וואס זיי נעמען ביז

דערוויל ווייל זיי האבן מורא צורירן זייער הארץ. יעצט ווען ער זעט ווי די הארץ פונעם קרבן ווערט פארברענט, ווייסט ער אז דאס וואלט געקענט זיין מיט זיין אייגענע הארץ נאר דער אויבערשטער מיט זיין גרויס רחמנות האט דאס אים געשאנקען.

ס'איז געווען א גרויסע שמחה צו ברענגען א קרבן עולה. נאכ'ן איבערלעבן דעם גרויסן מעמד איז דער מענטש שוין נישט געווען דער זעלבער ווי פריער. ווען איינער האט געברענגט א קרבן מיט די תפילין אויפ'ן קאפ האט ער דער קומענדיגן טאג געלייגט תפילין מיט גרויס כוונה וואס זיינע תפילין האבן נעכטן איינגעזאפט אינעם בית המקדש. אלעס וואס ער טוט איז מיט שמחה, ער זאגט צום אויבערשטן **'מה אשיב לה' כל תגמולוהי עלי'** ווי אזוי קען איך דיר באצאלן פאר די טובות וואס דו טוסט מיר?

### קען מען דען טון א טובה פאר השי"ת?

**אונזער** אור-עלטערן האבן געדינט דעם אויבערשטן מיט די איבערצייגונג אז זיי טוען פאקטיש גארנישט פאר'ן אויבערשטן. היינטיגע צייטן ווען איינער לייגט נאר תפילין שפירט ער זיך ווי א גוטער איד, און אויב ער האט געדאווענט בציבור איז ער שוין ווערד א מעדאל, ער האט א טובה געטון פאר הקדוש ברוך הוא! אבער אין די אמאליגע גוטע צייטן ווען מען האט געברענגט קרבנות האט מען געהאט די אויסגעצייכנטע געלעגענהייט זיך אפצושטעלן און אנערקענען אלע טובות וואס דער אויבערשטער טוט פאר אונז, אז מען האט געשפירט אין די גאנצע וועזן אז פאקטיש וועלן מיר קיינמאל נישט קענען באצאלן אלעס וואס מיר זענען אים שולדיג.

די קרבנות האט געברענגט די אמאליגע אידן צום איבערצייגונג אז זייער קערפער און לעבן זענען בכלל נישט זייער אייגנטום. שטעלט אייך פאר אז אייער פריינד בארגט אייך א קאר. איר האט הנאה פון דעם יעדע מינוט בשעת איר פארט ארום מיט דעם אין שטאט. נאך עטליכע טעג קומט דער פריינד צו אייך אז ער וויל "בארגן" דעם קאר פאר איין טאג און דערנאך וועט ער עס צוריקגעבן. וואלט איר אים דען געזאגט: "וואס? צוריקגעבן די קאר? איך נוץ עס ביז צום סוף, כ'קען עס נישט צוריקגעבן... א נארמאלער מענטש וואלט געזאגט: "איר ווילט עס צוריק נאר פאר איין טאג? דאס איז א מציאה רבה, איך וועל עס צוריקגעבן אפילו פאר צוויי וואכן...

איינער וואס האט מיטגעהאלטן די אויסטערלישע סצענע פון די קרבנות אין בית המקדש וואס געבט ארויס אז זיין לעבן באלאנגט צו השי"ת, האט איבערגעגעבן זיין גאנצע וועזן צו דינען דעם אויבערשטן. די סדר הקרבנות ווערט אנגערופן עבודה, ווייל דורך די קרבנות קען מען צוקומען צו עבודת השם. ווען א איד איז ארויס פון בית המקדש איז ער געווען פול מיט התלהבות צו דינען דעם רבונו של עולם.

### מיר ווילן צוריק די ציילן

**דערפאר** איז די סדר הקרבנות איינס פון די זיילן וואס האלטן אונטער די וועלט, **'על שלשה דברים העולם עומד'** (אבות ב.א.), אויף דריי

זאכן שטייט די וועלט, און איינס פון זיי איז "עבודה". עבודה מיינט קרבנות, די אמת'ע עבודה וועט מען זאגן אז ס'איז תפילה, אבער דאס איז נישט ריכטיג! די עבודה וואס האלט אונטער די וועלט איז קרבנות, אבער היינטיגע צייטן ווען מיר האבן מער נישט קיין קרבנות איז תפילה קרבנות (ברכות כו.ב).

מיר זענען אבער נישט צופרידן מיט תפילה אנשטאט קרבנות, ווייל מיר ווילן די ריכטיגע זאך. מיר זאגן: **'ברוך אתה השם שומע תפילה'**. מיר ווייסן אז השי"ת הערט אונזערע תפילות און עבודה שבלב איז וויכטיג, אבער די קומענדיגע זאך וואס מיר בעטן איז: **'רצה השם אלוקינו בעמך ישראל והשב את העבודה'** קער אונז צוריק צו די עבודה פון קרבנות, מיר ווילן די אמת'ע עבודה. מיר ווילן האבן די זכי'ה ארויפצוברענגען דעם קרבן אויפ'ן מזבח. און ווען מען ענדיגט שמונה עשרה שפירט מען זיך ווי א מענטש וואס האט נארוואס געענדיגט עסן א מאלצייט אבער איז נאכנישט זאט, דערפאר פירט מען אויס מיט'ן **'יהי רצון מלפניך השם אלוקינו שיבנה בית המקדש'**. מען בעט זיך ביים אויבערשטן ער זאל אונז צוריקקערן די עבודה און דעמאלטס וועלן מיר אים דינען מיט אן אמת.

## ארויס פון מצרים צו מקריב זיין

**ווען** משה רבינו איז געקומען צו פרעה אז ער זאל ארויסלאזן די אידן האט משה געזאגט אין נאמען פונעם אויבערשטן: **'שלח את עמי ויעבדוני'**, (שמות.כו.ז.) שיק ארויס מיין פאלק אז זיי זאלן מיר דינען. עס קען זיך דאכטן אז "דינען" מיינט זיך צוזאמקומען צו א מנין, לערנען תורה אדער טון אנדערע מצוות, אלעס איז אריינגערעכנט אין די עבודה אבער "דינען דעם אויבערשטן" וואס דער אויבערשטער האט געלאזט באפעלן פאר פרעה מיינט אויסדריקליך די קרבנות.

אונזערע מוחות קענען טראכטן אז עבודת השם מיינט גערעכטיגקייט, צדק ומשפט, שאיפות, הלכות, חסד, לימוד התורה, מצוות אא"וו. אלעס איז אויסדרוקליך אמת אבער וואס איז די זיילן פון די עבודות? **'שלח את עמי'**, איך וועל ארויסנעמען מיין פאלק פון מצרים, **ויעבדוני**, אז זיי זאלן קענען אויספירן פרשת ויקרא; די סדר הקרבנות וואס האט געשטעלט דעם מענטש אין פלאץ ער זאל וויסן וויפיל ער איז שולדיג פארן אויבערשטן.

## דער חפץ חיים האט געוואוסט ווי אזוי מען ציילט "געלט"

**ווען** קיינער איז נישט געשטאנען ארום אים, פלעגט דער **חפץ חיים** רעדן צום רבונו של עולם: "איך בין דאנקבאר צו דיר אז די האלסט מיר ביים לעבן אזויפיל יארן, איך האב איבערגעלעבט די פארגאנגענע יאר און און איך לעב דאס יאר, און די יאר פאר די פארגאנגענע יאר איז געווען א ברכה און אויך די יאר פאר דעם..." דער חפץ חיים האט

געציילט זיינע מתנות ווי ס'וואלט געווען געלט. ער פלעגט דאנקען דעם אויבערשטן פאר זיינע אברים "מיינע לינגען ארבעטן נאך זייער גוט, און אויך מיינע קניען..." ווען דער חפץ חיים האט געציילט זיינע מתנות האבן זיינע אויגן געפינקלט און זיין הארץ איז איבערגרינען פון גליק!!

דאס זאגט דוד המלך: **'במעשי ידיך ארנן'**, איך זינג אויף די מעשים פון דיינע הענט (תהילים צב.ה). מען דארף זיין אזוי פרייליך אז מ'זאל זינגען. און זינגען מיינט אז מען האט איבערגע'חזר'ט די פרטים פון אלעס וואס מען איז שולדיג פאר'ן רבונו של עולם. ווען א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן אלס א פליכט וועט ער דינען דעם אויבערשטן אן קיין מאטיוואציע, מיט אלע זיינע עבודות שפירט ער אז טוט א גרויסע טובה פאר'ן אויבערשטן.

## לערנט אייך אויס צו ציילן אייער "געלט"

**אויב** איר ווילט אנגיין מיט אייער לעבן צו טון רצון השם און טרעפן חן אין זיינע אויגן, זאלט איר זיך אויסלערנען צו ציילן אייער "געלט" אזויווי דער חפץ חיים. איר זאלט ווערן פארנומען צו ציילן אייער רייכטום! איין אבר און איין גליד אויפאמאל אזוי ווי ס'איז געווארן צושניטן אין בית המקדש.

ווער קען פארשטיין וואס דאס מיינט צוריקגעבן די נירן? אזא מענטש דארף גיין אין שפיטאל דריי מאל א וואך צו זיין צוגעבינדן צו א מאשין פאר עטליכע שעה צו רייניגן זיין קערפער. אויב ער וואלט נאר געקענט צוריקבאקומען זיין ניר וואלט ער נישט אויפגעהערט צו דאנקען דעם אויבערשטן. אויב מען האט נישט קיין ניר קאסט עס בינטלעך מיט געלט דאס צו ערזעצן.

ווארטס נישט אז ס'זאל זיין צו שפעט, הייבט יעצט אן צו זינגען און טאנצן אז דער אויבערשטער לאזט אייך האלטן אייער ניר. איר מוזט נישט ארויסנעמען אייער ניר פאר'ן מזבח... איר קענט זיי רוהיג לאזן אינעווייניג און אוועקגעבן איין טאג צו דאנקען אויף די מתנה פון אייער ניר.

## זינגען צום אויבערשטן פארלענגערט דאס לעבן

**דער** ציל אין לעבן איז צו זינגען צום אויבערשטן און דער וואס שטעלט זיך צו צום כאר ווערט באלוינט מיט מער יארן צו זינגען. דער מזבח איז געמאכט געווארן צו פארלענגערן דעם מענטשנ'ס לעבן (מס' מידות).

דער סוד פון די קרבנות איז צו אנערקענען דעם חסד השם וואס דאס פארלענגערט א מענטשנ'ס לעבן. דורך הכרת הטוב פארן לעבן קען מען דערגרייכן דעם ציל אין לעבן : **'יראת השם לחיים'**, צו וויסן פון דעם אויבערשטן ברענגט לעבן (משלי כג.יט). היינטיגע צייטן ווען מיר קענען נישט ברענגען קרבנות, קען מען אבער יא פארזעצן צו זינגען און לויבן דעם אויבערשטן, און אזוי דערגרייכן צום גרויסקייט פון די טעג פונעם בית המקדש און טרעפן חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן אויף דער וועלט אין יענע וועלט.

## צו באשטעלן ביי אונז
## קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**

gilyonosshabbos@gmail.com

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**



# א נקמה אין די שונאים

## שאלה:

## אויב דער אויבערשטער איז דער מקור פון חסד של אמת, פארוואס דארף מען נעמען נקמה אין רשעים? איז דאס חסד?

## תשובה:

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**אויב** איינער זאל אייך זאגן אז א וואלד פייער איז א גרויסע טובה פאר די וועלט, וועט איר אים גלייבן? איר ווייסט וויפיל וועלדער ווערן חרוב פון וואלד פייערן? איר האט אן אהנונג וויפילביימער ווערן פארניכטעט? טויזענטער און טויזענטער. ס'איז א טראגעדיע. ווי אזוי איז דאס א טובה? איר זאלט וויסן אז אסאך פון די ביימער זענען פאקטיש נעסטן פון אלע מיני באצילן און קרענקן וואס כאפן זיך אריבער צו אנדערע ביימער. ווען א וואלד פייער ברעכט אויס פארברענט עס די ביימער אינאיינעם מיט זייערע באצילן. די וואלד ערד ווערט ריין גרייט אנצוהייבן א נייע לעבן פון נייע ביימער אן קיין קרענק.

**דער** אויבערשטער וויל פטור ווערן פון די רשעים כדי צו העלפן די צדיקים. נאך אלעס איז די וועלט נישט געמאכט געווארן פאר יעדן איינעם, נאר פאר די רעכטפארכטיגע מענטשן. ווען מען ווערט פטור פון די רשעים איז גרינגער צו לעבן אין קדושה. דערפאר ווערט עס אנגערופן חסד ואמת. וואס האט איר געוואלט חסד און אמת פאר המן אדער פאר היטלער ימ"ש?! איז דאס וואס איר פרעגט? די גרעסטע אמת איז אז היטלער איז אין גיהנם און יעדן טאג דערמונטערט מען אים מיט זיין פלייש און נערוון און מען שינדט זיין הויט און מען פארברענט זיין פלייש. מען הענגט אים אויף און מען צושניידט אים אין שטיקלעך. ער שרייט און שרייט און די צדיקים אין גן עדן הערן זיך צו צו די מוזיק!

**נקמה** איז וויכטיג פאר די אמונה. ווען די מצרים זענען דערטראנקען געווארן האבן די מלאכים געוואלט זינגען שירה. דער אויבערשטער האט זיי געזאגט: 'מעשי ידי אדם טובעים בים ואתם אומרים שירה', מיינע באשעפענישן זענען דערטראנקען געווארן און איר ווילט זינגען שירה? אבער שפעטער שטייט: 'אז ישיר משה ובני ישראל' די אידן האבן געזינגען שירה, ווייל משה רבינו און בני ישראל דארפ'ן ווייטער אנגיין אויף דער וועלט. דאס קענען מיר אויספירן נאר ווען מען זעט ווי די רשעים האבן א מפלה. כדאי מיר זאלן קענען שטייגן דארפן מיר זען די רשעים האבן א מפלה. ס'איז א מצוה צו זינגען ווען די רשעים האבן א דורכפאל.

**דוד** המלך האט געזינגען 103 קאפיטלעך תהלים און ער האט נשט געזאגט הללויקה ביז ער האט געזען די מפלה אין די רשעים (ברכות ט.ב). **'יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם'** נאר דאן האט ער געזאגט 'ברכו נפשו את השם הללויקה'. צו קענען צוקומען צו א גאנצע אמונה מוז מען זען די מפלה אין די רשעים.

**ווען** די צייט פון די גאולה שלימה וועט קומען וועלן מיר זען א געוואלדיגע נקמה. ס'וועט זיין א נקמה פאר די זעקס מיליאן קדושים! אויב די אלע מערדערס וואלטן גלייך גע'הרג'עט געווארן וואלטן זיי נישט איבערגעלאזט קיין קינדער. דאס מיינט אז אלע זייער קומענדיגע דורות זענען נישט ווערד צו לעבן. ס'וועט זיין א גרויסע נקמה אויף דער וועלט אזוי ווי אין גיהנם. **"קל נקמת השם, קל נקמת הופיע."** דערפאר איז דא אזויפיל פסוקים און מאמרי חז"ל איבער די נקמה פון די רשעים צו מאכן קלאר אז דער אויבערשטער וועט נקמה נעמען אין די אומות העולם.

זאת נדבת לע"נ מרת רבקה לאה ב"ר משה צבי ע"ה



כל הזכיות שמורות